ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# קב הישר

## חקת

אידיש

**839**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק עז-עח

## חוקת

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

איידער די נשמה קומט אַראָפּ אין דעם גוף פירט מען איר אַדורך דעם גן עדן. - דער אויבערשטער מיט זיין רחמנות נעמט אָן די תשובה פונעם מענטש. - די סטרא אחרא לאָקערט כסדר ח״ו אויף דעם מענטש. - אַ מעשה מיט אַ רוח, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דעם אריז״ל און רבי חיים וויטאל ז״ל.

דער עונש פאַר רעדן לשון הרע, רכילות און ניבול פה ח״ו. – א תפילה ניצול צו ווערן פון יעדע עבירה. – א מעשה פון זוהר הקדוש.

דער **קאזניצער מגיד** - ר' ישראל הופשטיין זי״ע, האט באוואונדערט דעם ספר און זיך אויסגעדריקט אויפן ״קב הישר״: ״אז מען לערנט א שטיקל זוהר וואס געפינט זיך אין ״קב הישר״, איז דאס מער מסוגל מעורר צו זיין דעם מענטשן צו יראת שמים, ווי ווען ער וואלט געוועזן געלערנט דאס זעלבע שטיקל אין זוהר אליין (מאיר עיני חכמים תנינא, אמור).

# אינהאלט
## פון פרקים ע״ז - ע״ח


**א.** אין פרק ע״ז ווערט ערקלערט: ווי מען באַשווערט די נשמה איידער זי גייט אַראָפּ אין גוף און וואָס מען באווייזט איר פון דעם כבוד פון צדיקים אין דער קומענדיגער וועלט........ה

**ב.** מ׳זאָגט צו די נשמה, מיר טוען צו דיר דעם גאַנצן כבוד אויפן תנאי אז דו זאָלסט זיין אַ צדיק, און גאָטס פּאַרכט זאָל זיין אויף דיין פנים........ה

**ג.** אויף אַלע עבירות קען אַ מענטש תשובה טאָן און זיך מתודה זיין מיט טרערן אויף יעדע עבירה........ו

**ד.** דערוועקט זיך קינדער פון דער וועלט צו טאָן תשובה פאַר גאָט ב״ה. דערוועקט זיך און דערבאַרעמט זיך אויף אייך אַליין........ו

**ה.** דורך זיינע שלעכטע מעשים האָט ער זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער סטרא אַחרא........ז

**ו.** אַ סך מאָל ווערט זי פאַרקערפּערט ווי אַ מענטש וואָס געפינט זיך אין אים אַ נישט גוטער........ח

**ז.** צו באַגיין מיט דעם רוח מיט קלוגשאַפט, ווייל ער איז אַ גרויסער שקרן און כזבן........ח

**ח.** ער האָט אַ זאָג געטאָן: רבי איך בין נישט ראוי צו זען דיין הייליג פנים........ט

**ט.** איך וויל דו זאָלסט אַרויסגיין דורך דעם קליינעם פינגער פונעם לינקן פוס פון דער פרוי........ט

**י.** ביינאַכט געוועלטיגן די חיצונים, און די דינים מיט די רוחות שטאַרקן זיך דעמאָלטס........י

**יא.** וואָס האָסטו אַזוינס געטאָן וואָס דו ביסט געוואָרן אַ רוח? איך בין געווען אַ בעל לשון הרע, אַ רכילות זאָגער און אַ שקרן........י

**יב.** כל-שכן דער וואָס טוט מיט די הענט אַזעלכע עבירות וואָס
מ'איז חייב אויף זיי כרת איז אַוודאי געוויס, אַז ער האָט
אַ גרעסערן עונש ........................................ יא

**יג.** דער וואָס זינדיגט מיט די הענט אָדער מיט אַנדערע
גלידער, איז זיכער, אַז די רוחות און מזיקים האָבן רשות
אים מזיק צו זיין ........................................ יב

**יד.** דער וואָס קומט זיך אָפּשיידן פון עבירות, העלפט מען אים
פון הימל, און דעמאָלטס וועט אים גוט זיין אויף אייביג .......... יב

**טו.** אין פרק ע"ח ווערט דערקלערט :פון יעדער מעשה און
מצוה וואָס אַ מענטש טוט ווערט דערפון פּאַרע און עס
גייט אַרויף אין הימל ........................................ יג

**טז.** עס איז אַ גרויסע סכנה פאַר יעדען בעל דרשן וואָס דרשנ'ט
אין די עפנטליכקייט וועגן דעם חטא פון אדם הראשון
אָדער וועגן דעם חטא פון מכירת יוסף אָדער ענליכע
חטאים פון גרויסע חסידים ........................................ יג

**יז.** אדם הראשון האָט געבעטן רבי שמעון בן יוחאי ער זאָל
נישט מגלה זיין דעם חטא עץ הדעת מער ווי עס איז
אַנטפּלעקט אין די תורה הקדושה ........................................ יד

**יח.** ווען עס קומט דער צייט פאַר דעם מענטש צוריקצוגעבן
זיין נשמה פאַרן באַשעפער, איז מען דן די נשמה, און
דעמאָלטס דאַרף דער מענטש האָבן גרויס רחמי שמים .......... טו

**יט.** מיר האָבן געהערט אַ קול ווי איינער רעדט צו דיר, אָבער
מיר ווייסן נישט ווער ס'האָט גערעדט מיט דיר .......... טו

**כ.** ער האָט מיר געבעטן אַז איך זאָל נישט אַנטפּלעקן זיין זינד
צו מענטשן מער וויפיל עס איז געשריבן אין דער תורה .......... טז

**כא.** פון די מעשה זאָלן די דרשנים לערנען נישט רעדן לגנאי
אויף אָדם הראשון ........................................ יז

**כב.** די תורה איז חס אויפן כבוד פון צדיקים און אַפילו אויפן
כבוד פון רשעים ........................................ יז

# פרק ע״ז

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: ווי מען באַשווערט די נשמה איידער זי גייט אַראָפּ אין גוף און וואָס מען באַווייזט איר פון דעם כבוד פון צדיקים אין דער קומענדיגער וועלט**

**א. כתיב,** עס שטייט אין פרשת ויקרא (ה, א): ״וְנֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא וְשָׁמְעָה קוֹל אָלָה״ - אויב אַ נפש וועט זינדיגן און זי וועט הערן אַ קול פון אַ שבועה״. דער פסוק ווערט גע׳דרש׳נט אין זוהר (ויקרא דף יג, ע״א), אַז דאָס גייט אַרויף אויף דער נשמה פונעם מענטשן, אַז איידער זי גייט אַריין אינעם גוף, צו קומען אויף דער וועלט, פירט מען זי דורך טויזנט מיט אַכט וועלטן, כדי זי זאָל זען דעם כבוד פון די תלמידי חכמים, וואָס האָבן אויף דער וועלט געלערנט תורה לשם שמים, און אַלע זייערע ענינים און באַשעפטיקונגען זענען געווען לשם שמים, און האָבן זיך געפירט מיט באַשיידנקייט און ענווה, און געזעסן מיט כבוד, און דאס ליכט פון די צדיקים לייכטן אַזוי ווי דער גלאַנץ פון הימל, און אויף זייער קאָפּ זענען פאַראַן חופות פון זייער טייערע שטיינער, דעמאָלטס זאגט מען צו דער נשמה: זע דעם כבוד פון די צדיקים, וואָס זיצן אין גן-עדן, אויב דו וועסט זיך אויפפירן ווי די צדיקים, וועסטו אויך זוכה זיין צו דעם דאָזיגן כבוד און שיינקייט. נאָכדעם ברענגט מען די נשמה פאַר השם יתברך און מ׳קליידט איר אָן מיט טייערע קליידער, אַזוי ווי דאָס געשטאַלט פונעם גוף.

**מ׳זאָגט צו די נשמה, מיר טוען צו דיר דעם גאַנצן כבוד אויפן תנאי אז דו זאָלסט זיין אַ צדיק, און גאָטס פאָרכט זאָל זיין אויף דיין פנים**

**ב. ואז,** און דעמאָלטס האָט די נשמה הנאה פון דעם לויטערקייט פון דער שכינה, און מ׳בקרוינט זי מיט פיל קרוינען און מ׳זאָגט צו איר, מיר טוען צו דיר דעם גאַנצן כבוד אויפן תנאי, אז דו זאָלסט

זיין אַ צדיק, און גאָטס פאָרכט זאָל זיין אויף דיין פּנים און מען באַשווערט איר מיטן נאָמען פון גאָט ב"ה, אַז זי זאָל נישט זינדיקן, און מען איז איר מתרה פיל התראות, דער נאָך בוקט זי זיך קעגן גאָט ב"ה, און נאָך דעם נידערט זי אין גוף אַריין אויף דער וועלט. אויב דער מענטש איז אַ צדיק, איז גוט - אָבער ווען דער מענטש טוט נישט דעם ווילן פון גאָט, וואונדערט זיך תורה אויף דעם רשע און זאָגט: "וְנֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא" ווי קומט עס אַז דער מענטש זאָל זינדיגן, "וְשָׁמְעָה קוֹל אָלָה", זי האָט דאָך געהערט דאָס קול פון דער שבועה, וואָס מען האָט איר באַשווירן אין הימל איידער זי האָט גענידערט אין גוף אַריין, און מען האָט איר מתרה געווען מיט פיל התראות.

## אויף אַלע עבירות קען אַ מענטש תשובה טאָן און זיך מתודה זיין מיט טרערן אויף יעדע עבירה

**ג. אמנם,** אָבער, פון דעסט וועגן זאָל דער מענטש זיך נישט מייאש זיין פון עולם הבא, נאָר זאָל מתקן זיין וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט. און אויף אַלע עבירות קען אַ מענטש תשובה טאָן און זיך מתודה זיין מיט טרערן אויף יעדע עבירה. **וְאִם לֹא יַגִּיד,** אָבער אויב ער וועט נישט זאָגן, דהיינו, ער וועט זיך נישט מתוודה זיין פאַר זיין טויט אויף זיינע זינד, פאַר השי"ת, דעמאָלטס **וְנָשָׂא עֲוֹנוֹ.** ער וועט ליידן פאַר זיינע זינד, שטראָף און צער אין גיהנום, און דאָס האָט ער זיך אַליין גורם געווען.

## דערוועקט זיך קינדער פון דער וועלט צו טאָן תשובה פאַר גאָט ב"ה. דערוועקט זיך און דערבאַרעמט זיך אויף אייך אַליין

**ד. והקב"ה,** און גאָט ב"ה איז דאָך פול מיט רחמנות, דעריבער מחמת זיינע פילע חסדים, שטעלט ער ממונים און שלוחים אין הימל וואָס רופן אויס איטלעכן טאָג, דערוועקט זיך קינדער פון דער וועלט צו טאָן תשובה פאַר גאָט ב"ה. דערוועקט זיך

און דערבאַרעמט זיך אויף אייך אַליין, דערבאַרעמט זיך איבער אייערע קינדער. און מחמת דעם אויסרוף קומט אַמאָל פלוצלונג אַ מורא און ציטער אין האַרץ פונעם מענטש צו געדענקען דעם יום המיתה - דעם טאָג פון טויט, כדי ער זאָל חרטה האָבן אויף זיינע שלעכטע מעשים. און דער וואָס פאַרכט זיך פון די רייד פון השי״ת, שטאַרקט זיך צו גיין אין די גוטע וועגן, אָבער דער וואָס האָט אַ האַרט האַרץ און איז האַרטנעקיק, דער קערט זיך תיכף אום צו טאָן עבירות נאָך דער חרטה, און דעמאָלטס לאָקערן אויף אים פיל חילות פון מלאכי-חבלה און באַהעפטן זיך אין אים, צו רייצן, ער זאָל גיין אין וועג פון די פושעים און מורדים, און ברענגען אים צו פיל מידות רעות, דאָס ער זאָל זיין אַ אכזר, און שפעטן אויף די רייד פון די חכמים, און אַלע זיינע וועגן זאָלן זיין בכעס, און זאָל נישט שוינען דעם כבוד פון מענטשן. דערנאָך געוועלטיגן די מלאכי-חבלה איבער דעם מענטשן, ביז זיי זענען אים מעביר פון דער וועלט אויף אַ שלעכטן אופן.

## דורך זיינע שלעכטע מעשים האָט ער זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער סטרא אַחרא

**ה. ופתאום יבוא** , און פלוצלונג וועט קומען אויף דעם מענטשן אַזאַ שלעכט אָנטשפעניש, אַז אַלע וואָס זעען דאָס וואונדערן זיך דערויף. און דאָס אַלץ איז, ווייל דורך זיינע שלעכטע מעשים האָט ער זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער סטרא אַחרא (די נישט גוטע), ווייל די משחיתים וואָס זענען באַשטימט אויף שלעכטע סיבות, לאָקערן און קוקן אויס, ווען וועט דער מענטש טאָן עפעס אַן עבירה, אַפילו אַ קליינע עבירה, דעמאָלטס וועט ער אין זייערע הענט אַריינפאַלן.

## אַ סך מאָל ווערט זי פאַרקערפערט ווי אַ מענטש וואָס געפינט זיך אין אים אַ נישט גוטער

**ה. כדמצינו,** ווי מיר געפינען אַזאַ מעשה אין די צייטן פון האר״י ז״ל (שבחי האר״י), וואָס האָט געהאַט אַ תלמיד, אַ זקן און אַ גדול הדור, מיטן נאָמען ר׳ חיים וויטאַל. אַמאָל ווען ער איז געווען אין בית המדרש פון האר״י, האָט מען געברענגט פאַר אים אַ פרוי, וואָס איז געווען זייער קראַנק, אָבער מ׳האָט נישט געוואוסט וואָס איר קרענק איז, צי ס׳איז אין איר אַריין אַ רוח רע, אַ שד, אָדער אַן אַנדער בייזע זאַך. די פרוי האָט געזאָגט פאַרן האר״י ז״ל, אַז זי איז געזונט און שטאַרק אָן קיין ווייטיק, נאָר אַ סך מאָל ווערט זי פאַרקערפערט ווי אַ מענטש וואָס געפינט זיך אין אים אַ נישט גוטער.

## צו באַגיין מיט דעם רוח מיט קלוגשאַפט, ווייל ער איז אַ גרויסער שקרן און כזבן

**דער האר״י** ז״ל האָט אַ קוק געטאָן אויפן דופק (פולס) און געזאָגט, אַז אין איר האָט זיך באַהאָפטן אַ גייסט פון אַ טויטן, און ער האָט איר אַהיים געשיקט. פאַרנאַכטס האָט ער געהייסן ר׳ חיים וויטאַלן ער זאָל גיין צו דער קראַנקער פרוי, און זאָל מיט שמות און כוונות דעם רוח אַרויסטרייבן פון איר. דער אר״י ז״ל האָט אים אָנגעזאָגט, זיך צו באַגיין מיט דעם רוח מיט קלוגשאַפט, ווייל ער איז אַ גרויסער שקרן און כזבן. ווען דו וועסט אים פרעגן ווי ער הייסט, וועט ער דיר ליגן זאָגן ביזן דריטן מאָל. דער האר״י ז״ל האָט איבערגעגעבן ר׳ חיים וויטאַלן די כוונות פון די שמות, ווי אַזוי זיך צו פירן כדי אַרויס טרייבן דעם רוח. ווען ער איז אַהינגעגאַנגען צום הויז פון די קראַנקע פרוי איז שוין געווען ״בין-השמשות״, עס האָט שוין געטונקלט.

## ער האָט אַ זאָג געטאָן: רבי איך בין נישט ראוי צו זען דיין הייליג פנים

**איידער** ר' חיים וויטאַל איז אַריינגעגאַנגען אינעם הויז, האָט דער רוח געזאָגט צו די שטוב מענטשן וואָס זענען געווען אַנוועזנד, איר וועט זען אַז ר' חיים וויטאַל וועט אַהער קומען מיך אַרויסיאָגן פון דער פרוי, אָבער איך האָב נישט קיין מורא פאַר אים. ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַ הויך קול און חוצפה, ווי דער שטייגער פון אַ רוח צו רעדן. דאָס אַלץ איז געווען איידער ר' חיים וויטאַל איז אַריינגעקומען אין שטוב, אָבער באַלד ווי ער איז אַריינגעקומען אין צימער און דער רוח האָט דערזען זיין פנים, האָט ער באַלד אָנגעהויבן צו ציטערן, און מחמת גרויס מורא איז ער געפאַלן אויף זיין פנים. ער האָט אַזאָג געטאָן: רבי איך בין נישט ראוי צו זען דיין הייליג פנים. נאָכדעם האָט ר' חיים וויטאַל געפרעגט דעם רוח ווער ער איז? האָט ער געענטפערט דער און דער, און דאָס איז געווען אַ ליגן. האָט ער אים נאָך אַמאָל געפרעגט: ווער ביסטו? האָט דער רוח ווידער געפעלשט זיין נאָמען, דאָס זעלבע איז געווען ביי דעם דריטן מאָל. ביים פערטן מאָל, האָט ער געזאָגט זיין אמתן נאָמען.

## איך וויל דו זאָלסט אַרויסגיין דורך דעם קליינעם פינגער פונעם לינקן פוס פון דער פרוי

**רבי חיים וויטאַל** האָט אָנגעהויבן צו דערמאָנען עטלעכע שמות הקדושים, האָט דער רוח אָנגעהויבן צו רעדן האַרטע רייד מיט גרויס עזות און חוצפה. ער האָט געזאָגט איך וויל שוין אַרויסגיין. די כוונה פון רוח איז געווען, אַרויסצוגיין דורכן האַלדז און "וושט", כדי צו לעבערן די "סימנים" פון דער אשה. אויך האָט ער געוואָלט פאַרלעשן אַלע ליכט וואָס האָבן געברענט אינעם צימער, און מזיק זיין די מענטשן וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. ר' חיים וויטאַל האָט אָבער באַלד פאַרשטאַנען זיין כוונה, און געזאָגט צום רוח: איך

ווייל דו זאָלסט אַרויסגיין דורך דעם קליינעם פינגער פונעם לינקן פוס פון דער פרוי, האָט דער רוח געזאָגט, אַז ער וועט אַזוי טאָן.

## ביינאַכט געוועלטיגן די חיצונים, און די דינים מיט די רוחות שטאַרקן זיך דעמאָלטס

**ר׳ חיים וויטאַל** האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז דער רוח זאָגט ליגן, און זיין כוונה איז דווקא אומצוברענגען די פרוי, האָט ער באַלד אויף אים גוזר געווען בחרם, ער זאָל איצט נישט אַרויסגיין פון דער פרוי, און איז אַוועקגעגאַנגען דאַווענען מעריב אין הויז פון האר״י ז״ל. נאָכן דאַווענען האָט ר׳ חיים וויטאַל דערציילט אַלעס וואָס איז געשען פאַר זיין רבין. ער האָט אים געענטפערט: דאָס אַלץ איז געשען ווייל דו ביסט געגאַנגען צו דעם רוח ביינאַכט, און נישט בייטאג, ווי איך האָב דיר געזאָגט, אַז ביינאַכט געוועלטיגן די חיצונים, און די דינים מיט די רוחות שטאַרקן זיך דעמאָלטס, דעריבער איז דעמאָלטס נישט די צייט צו טאָן פעולות קעגן דעם רוח ביינאַכט. דער אַר״י האָט נאָך דעם געזאָגט צו ר׳ חיים וויטאַלן, גיי צו שלום, און האָט אים אַביסל באַגלייט איבער דער טיר פון הויז, וואָס ער פלעגט דאָס נישט טאָן צו קיינעם פון זיינע תלמידים.

## וואָס האָסטו אַזוינס געטאָן וואָס דו ביסט געוואָרן אַ רוח? איך בין געווען אַ בעל לשון הרע, אַ רכילות זאָגער און אַ שקרן

**צו מאָרגנס** נאָכן דאַווענען, איז ר׳ חיים וויטאַל געגאַנגען באַשווערן דעם רוח, ער זאָל אַרויסגיין פון דער פרוי, און דער רוח האָט געמוזט אַרויסגיין דורך דעם קלענסטן פינגער פון לינקן פוס פון דער פרוי. און אַלע מענער און פרויען האָבן געזען דעם רוח, דאָס ער האָט זיך פאַר זיי באַוויזן ווי אַ פאָדים פון פייער. דער רוח האָט געוויינט און געשריען אויף זיינע בייזע מעשים וואָס ער האָט געטאָן. ר׳ חיים וויטאַל האָט נאָכער געפרעגט דעם רוח: וואָס האָסטו

אַזוינס געטאָן וואָס דו ביסט געוואָרן אַ רוח? האָט דער רוח אים געענטפערט! איך בין געווען אַ בעל לשון הרע, אַ רכילות זאָגער און אַ שקרן. האָט ער אים ווידער געפרעגט: פאַרוואָס האָסטו געהאַט רשות אַריינצוגיין אין דער דאָזיגער פרוי? האָט דער רוח געענפערט:

**מיינע** באַהערשער האָבן מיר געגעבן רשות אַריינצוגיין אין דער דאָזיגער אשה, ווייל איך בין געלעגן אויפן אַש וואָס איז געווען אויפן אויוון, און פונדעסטוועגן האָב איך נישט געהאַט קיין רשות אַריינצוגיין אין קיין מענטש, ביז אַ מאָל איז די דאָזיגע פרוי געקומען צוגרייטן האָלץ און פייער צו קאָכן לכבוד שבת, און בשעת מעשה האָט זי געזונגען ניבול-פה לידער, האָבן מיינע אַהערשער מיר געגעבן רשות אַריינצוגיין אין איר, און עס איז שוין דריי יאָר אַז איך בין אין איר.

### כל-שכן דער וואָס טוט מיט די הענט אַזעלכע עבירות וואָס מ׳איז חייב אויף זיי כרת איז אַוודאי געוויס, אַז ער האָט אַ גרעסערן עונש

**ז. על כן,** פון דער מעשה זאָל דער מענטש אָפלערנען, ווי גאָט ב״ה איז מדקדק מיט זיינע באַשעפענישן. מה דאָך דער דאָזיגער, וואָס האָט מער נישט געזינדיגט נאָר מיט זיין מויל און לעפצן, ער האָט גערעדט לשון-הרע, איז דורך דער זינד געוואָרן אַ רוח, מכל-שכן דער וואָס טוט מיט די הענט אַזעלכע עבירות וואָס מ׳איז חייב אויף זיי כרת, אָדער די פיר מיתות בית-דין, אָדער דער וואָס איז מחלל שבת בפרהסיא (פאַר צען מענטשן), איז אַוודאי געוויס, אַז ער האָט אַ גרעסערן עונש.

### דער וואָס זינדיגט מיט די הענט אָדער מיט אַנדערע גלידער, איז זיכער, אַז די רוחות און מזיקים האָבן רשות אים מזיק צו זיין

**און דערקעגן,** מה דאָך די דאָזיגע פרוי, וואָס האָט עוסק געווען אין דער מצוה פון צוגרייטן שפייז אויף שבת, נאָר ווייל זי האָט געזונגען ניבול-פה לידער, איז זי געשטראָפט געוואָרן, דאָס דער רוח איז אַריין אין איר, איז דאָך אַוודאי געוויס, אַז דער וואָס זינדיגט מיט די הענט אָדער מיט אַנדערע גלידער, איז זיכער, אַז די רוחות און מזיקים האָבן רשות אים מזיק צו זיין.

### דער וואָס קומט זיך אָפּשיידן פון עבירות, העלפט מען אים פון הימל, און דעמאָלטס וועט אים גוט זיין אויף אייביג

**ח. על כן,** דעריבער זאָל יעדער איד מתפלל זיין פאַרן באַשעפער, ער זאָל אים מציל זיין פון אַלערליי זינד און אומרעכט, און זיך נישט איינגעוואוינען צו רעדן נבול-פה, און ווען עס וועט קומען אַ צייט ווען דער מענטש, פון זיך אַליין ווערט אויפגעוואַכט צו טאָן תשובה, כאָטש די צייט גייט אַריבער, און ער וועט ווייטער זינדיקן, זאָל ער נישט חרטה האָבן אויף דער תשובה וואָס ער האָט געטאָן, נאָר זיך שטענדיק שטאַרקן אין עבודת השם, און דער וואָס קומט זיך אָפּשיידן פון עבירות, העלפט מען אים פון הימל, און דעמאָלטס וועט אים גוט זיין אויף אייביג, אָמֵן סֶלָה.

❖ ❖ ❖

# פרק ע״ח

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: פון יעדער מעשה און מצוה וואָס אַ מענטש טוט ווערט דערפון פּאַרע און עס גייט אַרויף אין הימל.**

**א. שלמה המלך,** עליו השלום האָט געשריבן אין קהלת ״רָאִיתִי אֶת כָּל הַמַּעֲשִׂים שֶׁנַּעֲשׂוּ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ וְהִנֵּה הַכֹּל הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ״ (א, י״ד) - איך האָב געזען אַלע מעשים וואָס ווערן געטאָן אונטער די זון, אינעם עולם השפל, און אַלץ איז נאַרישקייטן און צוברעכן דאָס געמיט. דאָס מיינט - אַלע אומווערדיגע מעשים אָדער דיבורים אַזוי ווי ניבול פה אָדער לשון הרע. זייער הבל גייט נישט אַרויף העכער ווי די זון, עס דערגייכט נישט צום הימל נאָר גייט אַרום און שוועבט אונטערן הימל. אָבער דברי תורה איז נישט אַזוי, ווען איינער רעדט דיבורים רוחנים גייט דער דאַמף תיכף אַרויף גאַנץ הויך און ווערט באַקרוינט און ווערט אַ סניגור פאַר כלל ישראל און פאַר ג-ט ברוך הוא. אָבער ווען דער מענטש רעדט מיאוסע רייד דעמאָלטס שוועבט אַרום דער דאַמף אויף דער וועלט, און ווען עס קומט דער צייט און דער מענטש דאַרף צוריקגעבן זיין נשמה צום רבונו של עולם, דערגרייכט דער דאַמף זיין נשמה און וואַרפט זי פיל מייל אַוועק און דאָרט שטראָפט זי איר.

**עס איז אַ גרויסע סכנה פאר יעדען בעל דרשן וואָס דרשנ׳ט אין די עפנטליכקייט וועגן דעם חטא פון אדם הראשון אָדער וועגן דעם חטא פון מכירת יוסף אָדער ענליכע חטאים פון גרויסע חסידים**

**ב. וזה,** און דאָס האָט שלמה המלך ע״ה געמיינט ״וראיתי את כל המעשים שנעשו תחת השמש״ איך האָב געזען אַלע מעשים וואָס ווערן געטאָן און קומען נישט אויף צום הימל נאָר שוועבן אַרום

אונטער דער זון, "וְהִנֵּה הַכֹּל הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ" און דאָס אַלץ איז נאַרישקייטן און צוברעכן דאָס געמיט, און בפרט דער וואָס איז פוגע אין זיינע דיבורים. למשל ער רעדט אויף זיינע חברים מיאוס'ע רייד אומזיסט, דעמאָלטס איז דער הבל מקטרג אויף אים, און אַוודאַי און אַוודאַי דער וואָס זאָגט עס קעגן פיל לייט און קומט צו איין שגיאה אַז ער רעדט וועגן חטא פון אָדם הראשון אָדער פון חטא פון די שבטים וואָס זיי האָבן פאַרקויפט זייער ברודער יוסף, אָדער פון די מעשה מיט דוד המלך און בת שבע, וועלן זיי זיכער דאַרפן אָפּגעבן אַ דין וחשבון אויף די דאָזיגע רייד אַפילו אויב דער רעדנער איז מכוון דעם אמת, און אַוואַדע אויב דער רעדנער טראַכט אויס זאַכן און לייגט אַרויף אַ זינד אויף אדם הראשון, וואָס גאָט ברוך הוא האָט אים באַשאַפן מיט אַ מאמר אָדער ווען ער טראַכט עפּעס אויס אויף דוד המלך אָדער אויף אַנדערע חסידים, דער האָט זיכער אַגרויסן עונש.

## אדם הראשון האָט געבעטן רבי שמעון בן יוחאי ער זאָל נישט מגלה זיין דעם חטא עץ הדעת מער ווי עס איז אַנטפּלעקט אין די תורה הקדושה

**ג. והנה,** און עס שטייט אין זוהר פרשת בראשית (כד, א), תָּנוּ רַבָּנָן, אונזער חכמים האָבן געלערנט, ווען רבי שמעון בן יוחאי איז קראַנק געוואָרן, זענען צו אים אַריין געגאַנגען רבי פנחס בן יאיר , רבי חייא און רבי אבהו. האָבן זיי צו אים געזאָגט: דער וואָס אויף אים שטייט די וועלט זאָל נפטר ווערן, אויף וואָס וועט די וועלט שטיין? האָט ער צו זיי געזאָגט: בית דין של מעלה האָבן נישט קיין רשות מיר צו משפט'ן און קיין שום מלאך האָט נישט קיין רשות צו זיין איבער מיר, ווייל איך בין נישט אַזוי ווי אַנדערע מענטשן, נאָר גאָט ברוך הוא אַליין וועט מיר דן זיין, און דאָס איז וואָס דוד המלך ע"ה האָט געבעטן "שָׁפְטֵנִי אֱלוֹקִים", דו גאָט משפט מיר אַליין, און אַזוי האָט אויך שלמה המלך געבעטן גאָט ברוך הוא אַליין זאָל אים משפט'ן און נישט בית דין של מעלה.

## ווען עס קומט דער צייט פאַר דעם מענטש צוריקצוגעבן זיין נשמה פאַר'ן באַשעפער, איז מען דן די נשמה, און דעמאָלטס דאַרף דער מענטש האָבן גרויס רחמי שמים

**ד. דהא,** מיר האָבן געלערנט אַז ווען דער מענטש שטאַרבט איז דאָס בית דין של מעלה מעיין אין זיין דין. אַ טייל פון זיי זענען אים דן לכף זכות און טייל לכף חובה, ווייל זיי זעען אַז דער מענטש האָט געזינדיגט, אָבער אַז גאָט ברוך הוא אַליין משפט דעם מענטש וואָס ער האָט די מעגליכקייט צו פאַרגעבן די זינד, און איז אַ גרויסער בעל רחמים, גייט דער מענטש זיכער אַרויס גוט פונעם משפט, און דעריבער האָב איך געבעטן פון אים ער זאל מיר אַליין משפטן. און איך וועל אַריין גיין אין אַזעלכע מחיצות וואָס קיין שום מענטש האָט נישט רשות צוקומען אַהין נאָר די אבות אברהם יצחק ויעקב, און קיין מלאך וועט מיר נישט קענען נעמען, און נאָך מער, איך וועל ביי זיי קיין רשות נישט נעמען.

## מיר האָבן געהערט אַ קול ווי איינער רעדט צו דיר, אָבער מיר ווייסן נישט ווער ס'האט גערעדט מיט דיר

**ה. אמר,** האָט רבי שמעון בן יוחאי זיי געזאָגט איין זאַך און מער האָבן זיי אים נישט געזען, האָבן זיי זיך זייער געוואונדערט און האָבן נישט געקענט רעדן פון גרויס פאָרכט, און ווי זיי זענען אַזוי געזעצן האָבן זיי דערפילט אַ ריח פון בשמים. דערווייל האָבן זיי דערזען רבי שמעון בן יוחאי, און ער האָט גערעדט צו זיי, אָבער זיי האָבן קיין שום זאַך נישט געזעהן חוץ רבי שמעון בן יוחאי. און אַ ווײַלע שפּעטער האָט רבי שמעון בן יוחאי צו זיי געזאָגט, זעהט איר עפּעס? האָט רבי פנחס צו אים געזאָגט, מיר זעהן גאָרנישט, נאָר מיר וואונדערן זיך וואָס מיר האָבן דיר פלוצלונג נישט געזעהן, און דערנאָך ווען מיר האָבן דיר ווידער געזעהן, האָבן מיר דערשמעקט אַ געשמאַקער ריח פון בשמים פון גן עדן, און אויך האָבן מיר געהערט אַ

קול ווי איינער וואָס רעדט מיט דיר, און מיר ווייסן נישט ווער האָט מיט דיר גערעדט.

## ער האָט מיר געבעטן אַז איך זאָל נישט אַנטפּלעקן זיין זינד צו מענטשן מער וויפיל עס איז געשריבן אין דער תורה

**ו. אָמר,** האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט, איך וואונדער מיך אויף רבי פנחס וואָס ער זעהט נישט, וואָס איך זעה, אַז אויף יענע וועלט וועט זיין אָרט זיין נידריגער פון מיין זון רבי אלעזר, און יעצט האָט מען מיך געשיקט רופן פון הימל, איך זאָל מיר גיין אויסקלייבן אַן אָרט אין גן עדן, און מען האָט מיר געוויזן אַלע ערטער ווי די צדיקים ליגן, און איך האָב מיר אויסדערוועלט מיין אָרט נעבן דעם נביא אַחיה השילוני, און דערנאָך בין איך צוריק געקומען, און מיט מיר זענען מיטגעקומען 300 נשמות פון צדיקים, און דער פירער איבער זיי איז אָדם הראשון, און ער האָט מיר געבעטן אַז איך זאָל נישט אַנטפּלעקן זיין זינד צו מענטשן מער וויפיל עס איז געשריבן אין דער תורה, האָב איך אים געזאָגט, איך האָב דאָך שוין מגלה געווען דיין זינד צו דער חברייא, האָט ער געזאָגט דאָס וואָס דו האָסט מגלה געווען צו דער חברייא, האָסטו רעכט געטאָן, אָבער צו די איבריגע מענטשן פון דער וועלט זאָלסטו נישט מגלה זיין, ווייל גאָט ברוך הוא היט מיין כבוד און האָט נישט געוואָלט מפרסם זיין מיינע זינד, נאָר דעם זינד פון עץ הדעת. האָט רבי אלעזר זיך דערנענטערט צו רבי שמעון בן יוחאי און האָט אים געפרעגט, מיין פאָטער, ווי חשוב בין איך דאָרטן? האָט רבי שמעון בן יוחאי אים געזאָגט, וואויל איז דיין חלק מיין זון, אַ לאַנגע צייט וועסטו נישט ליגן נעבן מיר, אָבער אויף יענע וועלט האָב איך אויסדערוועלט דיין אָרט נעבן מיין אָרט.

## פון די מעשה זאָלן די דרשנים לערנען נישט רעדן לגנאי אויף אָדם הראשון

**ז. מכאַן,** פון דער מעשה קענען מיר זעהן אַז די דרשנים טוען נישט ריכטיג, ווען זיי דרש'ענען ברבים אין די שוהלן, און זאָגן פאַר די עמי הארצים אַז אָדם הראשון איז געווען אַ מין און עובר געווען אויף עבודת גלולים, זנות און רציחה. ווייל, איז דען רעכט אַזוי צו זאָגן אויף אַ מענטש וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט די מאמר פון הקדוש ברוך הוא, און איז געווען אַ צדיק גמור?! און אין אָדם הראשון איז אָפּהעניג אַלע נשמות פון דורי דורות! און די נשמות פון די רשעים וואָס זענען אָפּהעניג אין זיין נשמה, אָדער אין אַן אבר פון זיינע אברים, די האָבן געזינדיגט, אָבער די נשמה וואָס איז ספּעציעל אָנגעגרייט געוואָרן פאַר אָדם הראשון, האָט בכלל נישט געזינדיגט, און זי איז געווען קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים.

**אין זוהר חדש** שטייט אַז עס איז אַ גרויסע סכנה פאַר דעם דרשן וואָס דרש'נט לגנאי אויף אָדם הראשון ווייל ער קען וועגן דעם חלילה נפטר ווערן.

## די תורה איז חס אויפן כבוד פון צדיקים און אַפילו אויפן כבוד פון רשעים

**ח. על כן,** דעריבער דאַרף מען אָנשרייען די דרשנים וואָס פירן זיך יאָ אַזוי צו טאָן, ווייל הקדוש ברוך הוא האָט נישט ליב ווען מען איז קורא תגר אויף זיינע צדיקים און אויף די נשמות פון די צדיקים. און די תורה איז חס אַפילו אויפן כבוד פון רשעים, דעריבער זאָל דער מענטש זעהן צו פאַרענטפערן דעם חטא פון אָדם הראשון לטובה, און אַזוי אויך דעם חטא פונעם עגל און פון מכירת יוסף, און דער וואָס שטאַרקט זיך אין דער מדה צו דערמאַנען יעדן צו גוטס, דער וועט האָבן אַריכת ימים ושנים אמן.

# אוצר של יראת שמים

**כ. כי אם את ה' אלוקיכם תיראו והוא יציל אתכם מיד כל אויביכם (מלכים ב' יז, לט) - העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול - במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל**

**<u>הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש (סוטה יא:), בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה (קב הישר פ' פ"ב) וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל (משלי לא, ל).</u>**

**העצה היא:** ללמוד ולומר ולהכניס בלבו כל יום פסוקי ועניני יראת שמים, שמצווה לירא את ה' הנכבד והנורא היא אחת מתרי"ג מצוות והיא מצווה תדירית, שבכל עת רגע שיזכור לירא את ה' מקיים מצוה דאורייתא, (פלא יועץ), ועיקר המצווה הוא לפחד מן העונש, שעי"ז יסור מן הרעה. ועי"ז שאנחנו נכניס בלבנו אהבתו ויראתו יתברך שמו, כמו שאנחנו מתפללים בכל יום, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך, עי"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. כמו שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (חובת הלבבות פ"ד). וראה מ"ש באורחות חיים להרא"ש, "לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית, ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ, ועיניו על כל דרכי איש, ובוחן לב וחוקר כליות – חזה יסוד כל התורה כולה. ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו, ותן חלקינו בתורתך, **ושם נעבדך ביראה** כימי עולם וכשנים קדמוניות"

**<u>דעו אפילו אם יש לך תורה ומעשים טובים, אם אין לך יראת שמים לא שוה כלום ליום הדין. אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:). יא).</u>**

1. את אלוקים אני ירא (בראשית מב, יח).
2. ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך (דברים י', יב, קב הישר פרק צ').
3. ליראה את ה' אלוקינו כל הימים לחיותינו כהיום הזה (דברים ו' כד).
4. את ה' אלוקיך תירא אותו תעבוד ובו תדבק (דברים י' כ).
5. מי יתן והיה לבבם זה ליראה אותי כל הימים (דברים ה' כו).
6. יראת ה' היא אוצרו (ישעי' לג, ו, ברכות לג:).
7. ראשית חכמה יראת ה' (תהלים קיא, י').
8. סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי (קיט, קכ).
9. סוף דבר הכל נשמע את האלוקים ירא ואת מצוותיו שמור כי זה כל האדם (קהלת יב, יג).
10. אמר רבא בשעה שמכניסין האדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה, קבעת עיתים לתורה, עסקת בפרי' ורבי', ..צפית לישועה..אפילו הכי אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:).
11. אמר רבי יהודה לא ברא הקב"ה את עולמו אלא בשביל שהבריות יראו מלפניו (שבת לא:).
12. אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד (שבת לא:).

**נא לפרסם הידיעה הזאת בכל העולם כולו, בבתי בתי מדרשים, בישיבות ובבתי ספר לחינוך לבנות ובכל בית ובית. וכל המזכה את הרבים זוכה לבנים צדיקים, וניצל מכל גזירות קשות.**